# ליל שבת קודש פרשת וישב שבת א׳ דחנוכה ה׳תשס״ד

פרייטאג צו נאכט׳ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא״ש שליט״א געשמועסט גיוואלדיגע מורא׳דיגע דיבורים, אויפן רבינ׳ס רייד אין ספה״ק ליקוטי מוהר״ן חלק ב׳ סי׳ יב, וואס שמועסט פון די ירידה וואס איז די תכלית העליה [ארויפגאנג], עיין שם.

און האט מוהרא״ש שליט״א אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי ז״ל (מוהרא״ש שליט״א האט איבערגעחזר׳ט בקיצור אויפן תמצית פונעם רבינ׳ס רייד אין די תורה), אפילו ווען א מענטש פאלט, חס ושלום, צו ספיקות. און עס איז דא איינער וואס זיין נפילה איז גאר גרויס, רחמנא ליצלן, אז ער פאלט צו ספיקות און הרהורים, און ער איז מהרהר נאך השם יתברך. פון דעסטוועגן די ירידה איז תכלית העליה.
און דאס איז ׳בראשית׳, א מאמר סתום [א פארמאכטער מאמר], געם אייבישטער׳ס געטליכקייט וואס איז באהאלטן אין די גאר נידעריגע ערטער.
און דאס איז די בחינה פון ׳איה השה לעולה׳, ווען איינער גייט אראפ גאר נידעריג און ער פרעגט ווי איז דעם אייבישטער׳ס געטליכקייט – דאס הייסט ׳השה לעולה׳, שנחשב לו כאילו הקריב עולה וכו׳; עיין שם כל זה בדברי רביז״ל.
און מוהרא״ש שליט״א האט מסביר געווען. אז דער רבי ז״ל איז אונז מגלה אין די תורה זייער א מורא׳דיגע און ווינדערליכע סוד, אז עס איז קיין ייאוש איז גארנישט פארהאנדן אויף דער וועלט. און אפילו אז א מענטש פאלט אנידער אין די גאר נידעריגע מדרגה, חס ושלום, און ער האט גאר א געפערליכע ירידה, דייקא פון דארט קען ער ארויף גיין צו די גאר העכערע מדריגה און איבערדרייען די גאנצע פינסטערניש צו לעכטיגקייט. ווייל ס׳דאך באוסט אז עס גאר קיין מציאות אויזער דער אייבישטער, און אפילו אין די פלעצער וואס זענען שמוציג און ווייט פון דעם אייבישטער׳ס כבוד, דארט מוז אויך זיין דעם אייבישטער׳ס חיות, אזוי ווי עס שטייט (מלאכי א׳) ובכל מקום מוקטר מוגש לשמי [אז און יעדן פלאץ איז מען מקטיר און מ׳געבט צו – צו מיין נאמען] און אזוי ווי עס שטייט (תהלים ק״ג) ומלכותו בכל משלה. ווייל אן דעם אייבישטער׳ס חיות איז נישט דא קיין קיום פאר קיין שום זאך אויף דער וועלט, און דעריבער זאגן חז״ל (ירושלמי תענית פרק א׳) אם ישאל לך אדם היכן אלקיך, תאמר לו בכרך גדול שברומי – אז אפילו אין דער מקור הטומאה, געפינט זיך דארטן דעם גאט׳ס כבוד,

נאר ס'איז זייער פארהוילן, ווייל א וודאי זיי זענען מקומות אסורים און מטונפים, און מ'טאר נישט אין זיי אריין גיין. אבער אויב ער איז שוין אריין געפאלן אין זיי פאר וואס א סיבה זאל נאר נישט זיין, מוז ער וויסן אז ער קען דארטן טרעפן דעם באשעפער'ס כבוד. און אויב ער וועט שרייען און פרעגן 'איה' אלקותו יתברך? און ער וועט איהם זוכן באמת, וועט איהם נתגלה זיין, ווי אזוי קען ער פון דארטן צוריק גיין צום אייבישטער, און אדרבה, ער וועט געוואר ווערן אז נאר דורך זיין ירידה. קומט אוים אז ער האט מהפך געווען די תכלית הירידה צו תכלית העלייה, ווייל דווקא דורך זיין ירידה איז ער אנגעקומען צו אנערקענען אז דעם אייבישטער'ס כבוד געפינט זיך דארטן.

און דאס איז "ואיה השה לעולה", אויב א מענטש פרעגט "איה" אלקותו יתברך, דאס אליין איז - "השה לעולה", און עס וועט איהם גערעכנט אזוי ווי ער האט מקריב געווען א קרבן עולה, וואס ווערט פארברענט אינגאנצן צום גאט'ס נאמען. און א מענטש גייט ארויף דורך דעם צו די תכלית העליה.

און דאס איז "בראשית, מאמר סתום", ווייל עס איז דא עשרה מאמרות וואס מיט זיי איז דער וועלט באשאפן געווארן, ד. ה צעהן מאל וואס עס איז געזאגט געווארן די ווארט "ויאמר" אין מעשה בראשית, אבער מיט אן אמתאיז דא נאר ניין. נאר די ווארט "בראשית" איז אויך א מאמר, אבער ער איז אן "מאמר סתום" – א פארמאכטער, ווייל ס'שטייט נישט בפירוש "ויאמר", נאר דער מאמר איז באהאלטן אין איהם, גאר פארהוילן און זייער טיף, וואס איז מרמז אויף די געטליכקייט וואס געפינט זיך, כביכול, אויבעט אין מקומות המטונפים און אזוי ווייטער.

און דאס איז אז "בראשית" זענען די זעלבע אותיות פון "ברא תיש", ד. ה. דער 'שה לעולה', וואס איז שוין באשאפן פון די ששת ימי בראשית. ווייל דער ענין פון "איה", און איבערקערן זיין די ירידה צו די תכלית העלייה, הייבט זיך שוין אן זייט די וועלט שטייט, און אן איהם וואלט קיין קיום נישט געווען פאר די וועלט. וויל ס'מוזן קומען אזוינע צייטן און מצבים וואס א מענטש קומט צו גאר געפאלענע און נידעריגע פלעצער – און דורך דעם אז ער ווייסט, אז אויך דארטן קען ער טרעפן געטליכקייט ווערט די גאנצע באשעפניש באשטעטיגט. דעריבער וואויל איז דער וואס ער לאזט זיך נישט נארן, און ער איז זיך נישט מייאש פאר קיין שום זאך אויף דער וועלט, און

breslevcity.co.il

דווקא ווען ער האט עפעס אן ירידה, הייבט ער אן צו זיכען און טרעפן די געטליכקייט, דעמאלס וועט ער זיך זייער דערהייבן און איבערקערן די פינסטערקייט צו לעכטיגקייט, אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש שליט"א האט מקשר געווען דעם ענין צו די וואכעדיגע סדרא אויף גאר א יערליכען אופן, ווייל מיר טרעפן און די פרשה דעם אראפגאנג פון יוסף הצדיק צו ערות מצרים, דורך דעם אז זיינע ברודער האבן איהם פארקויפט, ביז ער איז געקומען צו מצרי'ם שטוב, און מ'קען גארנישט פארשטעלן די מורא'דיגע ירידה, אז יוסף איז געווען א בחור וואס האט געהערט אינטער זיין טאטנ'ס שאטן, און אלעמאל געזעסן אין בית המדרש, און פלוצינג איז ער אנידערגעווארפן צו די שטארקע טומאה פון מצרים, און עס איז אויף איהם אריבער געגאנגען וואס איז איבערגעגאנגען, און מ'האט איהם חושד געווען מיט שלעכטע מעשים. און וואס איז געווען זיין התחזקות? דעם לימוד פון "איה מקום כבודו", וואס דורך דעם וואס מ'זוכט די כבוד פונעם אייבישטער אויך אין די נידעריגע מקומות, דורך דעם איז מען מהפך די ירידה צו עליה, אזוי ווי עס איז געווען מיט יוסף הצדיק, אז צום סוף איז ער געווארן א משנה למלך, און ער האט געוועלטיגט אין גאנץ לאנד מצרים. און דאס איז (בראשית ל"ט) ויהי הוי"ה את יוסף ויהי איש מצליח ויהי בבית אדוניו המצרי, אז דער פסוק איז אונז מגלה ווי אזוי האט יוסף הצדיק זוכה געווען צו די מדריגה, אז ה' יתברך איז שטענדיג געווען מיט איהם און ער איז געווען א איש מצליח? דורך דעם אז ער איז געווען 'בבית אדוניו המצרי', ד. ה. אז ער איז געווען אין דער תכלית הדחקות, און ס'האט אויסגעזעהן כאילו ס'האט געענדיגט זיין האפענונג, דורך דעם האט ער געקענט מהפך די ירידה צו תכלית העליה, און ס'וועט איהם נתגלה זיין השם יתברך מיט א גרויסע גילוי.

און דאס איז דער ענין פון ימי חנוכה הקדושים, אז אין די טעג פון די חשמונאים האט אויסגעזעהן כאילו ס'איז דא א גרויסער חושך הערשט אויף דער וועלט, אין סאיז נישט דא קיין עצה ארויסצוציין פון איהם. אזוי ווי חז"ל זאגן (ב"ר ב, ד), וחושך על פני תהום, זה גלות יון שהחשיכו עיניהם של ישראל, אבער זענען געקומען די צדיקים פון דער דור, אז זיי האבן געזוכט אויך אין דער חושך, דורך דעם האבן זיי געטראפן דעם אור, און ס'איז נתהפך געווארן די ירידה צו תכלית העליה, און ס'איז ארויסגעקומען פון קליפת יון, אזא הייליגע און מורא'דיגע יום טוב פון ימי חנוכה הקדושים, וואס

breslevcity.co.il

דעמאלס זענען געשעהן גרויסע נסים מיטן זיג פון די מלחמה און מיט די לעכט פון די מנורה, און ביי די טעג שיינט דער אור הגנוז פון ששת ימי בראשית, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים – אונז צו באווייזן אז דווקא פון די גאר נידעריגע ירידה קען מען זוכה זיין צו די גאר גרויסע עליה, וואס דאס איז דער ענין אז מען האט געטראפן דער פך שמן באגראבן אין די ערד, זאל ווערן אפגעהיטן פון 'טומאת היסת' [פון די אומרייניגונג פון ווערן גערוקט דורך טמא'נע], כדי אונז צו לאזן הערן, אז דווקא דורך די ירידה אין די ערד, וועט וואקסט ארויף די גאר העכערע ישועה.

השם יתברך זאל אונז מזכה זיין, ממשיך צו זיין אויף אונז די קדושה פון די טעג, מיר זאלן זוכה זיין צו זיך מדבק זיין בו יתברך מיט אן אמת'ן דביקות, בי זמיר ווען זוכה זיין נכלל צו זיין אינגאנצן בו יתברך - מעתה ועד עולם אמן ואמן.

breslevcity.co.il